מ. געלבארט / בני ברק

# דאס געשריי פון תהום

## ק. צעטניק — „דאס הויז פון די ליאַלקעס“

(פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום“ בוענאָס־איירעס)

אַן אומהיימלעך שאַפּונגס־געביט אָט די חורבן־ליטעראַטור וועגן דער נאַצי־הערשאַפט. איינהייטלעך איז געווען דער נאַצישער טויט־פּלאַן, אָבער פאַרשידן — די אינקוויזיציע־מעטאָדן. זיי האָבן געענדערט די באַגריפן פון לעבן און טויט, פאַרשעמט דעם מלאך־המות. אַ לאַ־גער־נומער שטאַרבט נישט, נאָר ווערט אָפּגעמעקט. און די וועלט־בוכ־האַלטאָרן האָבן דערנאָך דעם נומערישן סך־הכל, ווו יידן פאַרנעמען די גרעסטע פּאָזיציע, אַריינגעטראָגן אין דער פאַרלוסט־קאָנטאָ פון פאַר־לעגענע חובות און — אריבערגעגאַנגען צו דער טאָג־אָרדענונג.

„דאָס הויז פון די ליאַלקעס“ דערציילט וועגן גורל פון אַ יידישער סביבה אין געטאָ און קאַצעט און צום סוף אויך וועגן אַ שאַנד־הויז אין אַ יידישן פרויען־לאַגער. פאַרן באַטראַכטן דעם אייגנטלעכן ווערט פון דעם בוך, אין וועלכן דער אָריגינעלער אופן פון דערציילן הויבט עס אַרויס פון אַלע ביזהעריקע אויף דעם געביט, רוקט זיך אַרויס די פראַגע וועגן דער אויטענטישקייט פון דעם דערציילטן. היות דאָס „לעבן“ אין געטאָס און קאַצעטן איז גענוג באַקאַנט, קאָן זיך די באַוואָרעניש נאָר באַציען אויף די לעצטע קאַפּיטלעך פון בוך ווו ס׳רעדט זיך וועגן שאַנדהויז, וואָס איז אין סתירה צו די נאַצישע געזעצן וועגן „ראַסנ־שאַנדע“ און איז אויך נישט דערמאָנט געוואָרן אין די זכרונות אָדער אין דאָקומענטן.

אָבער נישט אַלץ וואָס מען האָט נישט פעסטגעשטעלט האָט נישט פּאַסירט. אויך די וואָס זענען „אין טרעבלינקע יאָ געווען“ זענען מאַכט־לאָז און קענען נישט תופס זיין די דאָזיקע תקופה, וואָס שטעלט אין שאָטן אַלע ביזהעריקע גהינמס. באַלד נאָכן קריג איז דערמאָנט געוואָרן וועגן אַ ווידוי פון הונדערט יידישע רעליגיעזע מיידלעך, וועלכע זענען

שאַנדע" און איז אויך נישט דערמאָנט געוואָרן אין די זכרונות אָדער אין דאָקומענטן.

אָבער נישט אַלץ וואָס מען האָט נישט פעסטגעשטעלט האָט נישט פּאַסירט. אויך די וואָס זענען „אין טרעבלינקע יאָ געווען" זענען מאַכטלאָז און קענען נישט תופס זיין די דאָזיקע תקופה, וואָס שטעלט אין שאָטן אַלע ביזהעריקע גהינומס. באַלד נאָכן קריג איז דערמאָנט געוואָרן וועגן אַ ווידוי פון הונדערט יידישע רעליגיעזע מיידלעך, וועלכע זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, כדי אויסצומיידן א שאַנדטאַט, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פון די דייטשן. אויך אין לאָדזשער געטאָ איז באַקאַנט געוואָרן אַ פּלאַן פון יודן־עלצטן, וועלכער האָט פון אַ טייל וואַרשטאַטן רעקרוטירט די שענסטע מיידלעך, צוזאָגנדי קזיי בעסער עסן און אַ באַזונדערע „היים", אויף דעם גרענעץ געביט מיט דער דייטשער זייט. די רעאַליזאַציע פון דעם פּלאַן איז אָבער צוליב דער ליקווידאַציע פון געטאָ נישט צושטאַנד געקומען. ס'איז נישט באַוווסט צי די דאָזיקע „אונטערנעמונג" האָט געזאָלט דינען די דייטשן, אָדער רומקאָווסקין און זיין סוויטע יידישע קאָלאַבאָראַטאָרן, וועמענס פאַרברעכנס, אויך אויף דעם געביט, וועלן בלייבן אַן אייביקער שאַנדפלעק.

ווי ס'זאָל אָבער נישט זיין, און ווען ס'זאָלן אפילו פעלן די לעצטע פּאָר קאַפּיטלען וואָס מאַכן אפשר דאָס בוך פאַר אַ „בעסט־סעלער" — איז עס אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג. יעדעס קאַפּיטל איז אַ באַזונדערע שאַפונג פאַר־זיך. דער מחבר באַזיצט נישט נאָר סתם טאַלאַנט און די נייטיקע קינסטלערישע עלעמענטן, אָריגינעלע שפּראַך, פילאָזאָפישע רואיקייט, — דער אויסדרוק פון זיין טיפער איבערלעבונג באַגלייט יעדעס וואָרט, און צווינגט דעם לייענער, ווי אַ מעדיום, נאָכצוגיין אַלע פיינען און פינצטערע וועגן פון תהום. דער חלום אין קאַפּיטל „קאָשמאַר" ווירקט מיט לעבנסוואַרקייט פון דער סיטואַציע און איז גאַנץ באַזונדער אַ דערציילונג פון אַ העכער מדרגה.

ק. צעטניקס בוך „דאָס הויז פון די ליאַלקעס", ווי יצחק קאַצענעלזאָנס „ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" לאָזט זיך נישט קוואַליפיצירן לויט די אָנגענומענע כללים פון דער ליטעראַטור־וויסנשאַפט. די נשמה פון מאסנטויט, נישט דורך נאַטירלעכע סיבות, נאָר „מענטשלעכע" מעשים, איז דערווייל אַ פּסיכאָלאָגיש פּראָבלעם, באַזונדערס אין דער קינסטלערישער פאַרפיקסירונג אין דער שיינער ליטעראַטור. אפשר איז די צייט־דיסטאַנץ צו קורץ, און דעם באַרג זעט מען נישט פון דער נאָענט. ערשט אונטער דעם שטויב פון געשיכטע ווערן גרויסע און טראַגישע געשעענישן ערשט באַנומען און אינטערפּרעטירט אין דער קונסט.

„דאָס הויז פון די ליאַלקעס" איז — נישט קיין כראָניק — (צוליבן פעלן פון אָרט און דאַטעס)) און אויך נישט קיין פּערזענלעכע זכרונות

באַקרעכצט ער אייך, באַדויערט ער אייך, און ווידער ריזלט אַ חרפה־
שווייסל אויף אייער גוף, און אומהיימלעכע מוראַשקעס לויפן אייך
אַרום איבערן לייב. מילא...
מעמ

— (ווייל ס'איז נישט געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן). נישט גע־
קוקט אויף דער קינסטלערישער פּאַטענץ פון מחבר, איז אין אָנבליק
פון דער גרויליקער טעמאַטיק אַ חילול יעדע באַצייכענונג פאַר אַזאַ
ה'ערק — ווי פּראָזע, אָדער... שיינע ליטעראַטור. סאיז —
אויב נישט נאָך העכער !...

* מ. געלבאַרט, אַליין אַ געוועזענער קאַצעטלער, איז לעצטנס פרעמירט געוואָרן פון „יד־ושם" פאַר אַן אַרבעט וועגן דער נאַצי־צקופּאַציע.